**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/19/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אפלאודירט PACB פינאנצירונג באשטעטיגונג צו פאראויסרוקן אנטוויקלונג פון געוועזענע LINCOLN CORRECTIONAL FACILITY אין מאנהעטען**

***אפשטימונג צייכנט אפ גרויסע מיילשטיין פאראויס צו טראנספארמירן ליידיגע הארלעם טורמע צו 105 צוגענגליכע היימאייגענטום איינהייטן און געמיינדע איינריכטונג ערטער***

***איבער 28 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג באשטעטיגט צו שטיצן באלד 100 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין הארלעם***
***בויט אויף גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו בויען מער וואוינונגען אויף אינטערבאנוצטע סטעיט-אייגענטום לאנד***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אפלאודירט די Public Authorities Control Board'ס שטימע צו באשטעטיגן א פינאנציעלע ראם צו פאראויסרוקן די ווידעראנטוויקלונג פון די געוועזענע Lincoln Correctional Facility אין מאנהעטען. די שטימע צייכנט אפ א גרויסע טריט פאראויס צו אקוואליזירן די ווידעראנטוויקלונג, וועלכע וועט טראנספארמירן די לאנג-ליידיגע טורמע אויף West 110th Street 31-33 אין הארלעם צו א נייע 22-שטאק, געמישטע-באנוץ געביידע וועלכע אנטהאלט ביז 105 איינקונפט-בארגרעניצטע היימאייגענטום איינהייטן און ערשטע-שטאק געמיינע איינריכטונגען ערטער - רעפרעזענטירענדיג א באלד 100 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין די הארלעם געמיינדע.

"ניו יארקער איבער אונזער סטעיט שטיין אויס א וואוינונג צוגענגליכקייט קריזיס און נאכקומען די שוועריגקייטן פארלאנגט שטייפע שריט און שעפערישע באנוץ פון יעדער רעסארס פארהאנען. די היינטיגע באשטעטיגונג רוקט אונז נענטער צו טראנספארמירן א לאנג-ליידיגע טורמע אין די הארץ פון הארלעם צו א נייע צוגענגליכע היימאייגענטום געלעגנהייטן, געמיינדע ערטער און נאכהאלטיגע געמיינדע אינוועסטירונגען," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך זיך באנוצן מיט אונטערבאנוצטע סטעיט פארמעגנס, טוהן אונז פארברייטערן וואוינונג סופליי, שטיצן גוט-באצאלענדע דשאבס און פארזיכערן אז פאמיליעס האבן די געלעגנהייט צו נישט נאר וואוינען אין ניו יארק, נאר צו בויען סטאביליטעט און גענעראציאנאלע געלעגנהייט דא."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישינער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "די היינטיגע PACB באשטעטיגונג איז א קריטישע טריט פאראויס פאר די לאנדמארק פראיעקט. געפירט דורך א מאיאריטעט מינאריטעט-אייגנטום שטאב, די ווידעראנטווירקלונג פון די געוועזענע Lincoln Correctional Facility צייגט וואס אייניגקייט עקאנאמישע אנטוויקלונג קוקט אויס למעשה - צושטעלענדיג א באלד 100 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג, הונדערטע דשאבס און א נייע וועג פאראויס פאר הארלעם פאמיליעס צו בויען גענעראציאנאלע רייכקייט."

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג (Homes and Community Renewal) קאמישענער RuthAnne Visnauskas (רוט-ען ווינאסקעס) האט געזאגט,** "די PACB'ס באשטעטיגונג רעפריזענטירט א קריטישע טריט פאראויס צו טראנספארמירן די געוועזענע Lincoln Correctional Facility צו שפאגל נייע וואוינונגען פאר די הארלעם געמיינדע. דורך צושטעלן איבער 28 מיליאן דאלאר פון די סטעיט, טוהן אונז שאפן 105 געלעגענהייטן פאר צוגענגליכע הײמאייגענטום אויף West 110th Street וועלכע וועט העלפן מענטשן בויען אינייגקייט און לאנג-טערמין סטאביליטעט. אינטער גאווערנער Hochul׳ס (האקול) פירערשאפט, אונז טוהן איבערמאכן אונטערבאנוצטע סטעיט פארמעגן, פארברייטערן היימאייגנטום געלעגענהייטן און פאראויס רוקן איר וואוינונג סופליי אגענדע. די פראיעקט שפיגלט אפ אונזער פארפליכטונגען צו צושטעלן וואוינונג לעזונגען וועלכע זענען סיי אמביציעז און טיף איינגעווארצלט אין געמיינדע פריאריטעטן."

**ניו יארק סיטי דעפוטי מעיאר פאר וואוינונג און פלאנירונג Leila Bozorg (לעילא בארזאג) האט געזאגט,** "איך בין פריילעך צו זעהן די ווידעראנטוויקלונג פון Lincoln Correctional Facility דורכגיין די וויכטיגע מיילשטשטיין, און דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס און PACB'ס שטיצע פאר וואוינונג און געמיינדע ערטער אויף די ארט. די פראיעקט וועט צושטעלן צוגענגליכע היימאייגענטום געלעגענהייטן, גוטע דשאבס און נייע געמיינדע איינריכטונג ארט וועלכע וועט בענעפעטירן הארלעמער און אלע ניו יארקער פאר יארן צו קומען."

**ניו יארק סיטי וואוינונג אפהיטונג און אנוויקלונג (Housing Preservation & Development) קאמיסיאנער Dina Levy (דינא ליווי) האט געזאגט,** "אונז זענען אזוי פריילעך אז נאך פול צו לאנג די געביידע וועט נייט שטיין ליידיג - דעפינירט דורך ארעסטירונג - און אשטאט דעם וועט טראנספארמירן צו א סיגניפישע געלעגענהייט פאר די געמיינדע. היינט, רוקן אונז עס פאראויס אלץ א וועג צו אייגענטומקייט, געלגענהייט און גענעראציאנאלע סטאביליטעט פאר הארלעם פאמיליעס. אונז שאפן מער ווי 100 היימאייגענטום געלגענהייטן פאר הארלעם פאמיליעס דורך די באלד 100 מיליאן דאלאר ווידעראנטוויקלונג פון די געוועזענע Lincoln Correctional Facility - טראנספארמירענדיג א לאנג-ליידיגע ארט צו א גרונט פאר נאכהאלטיגע סטאביליטעט און לאנג-טערמין אינוועסטירונג אין די געגענט. די פראיעקט מאכט זיך שוין פאר יארן, צוריקגייענדיג צו מיין צייט אין די סטעיט, און עס איז שטארק באדייטענד עס צו זעהן ענדליך זיך פאראויסרוקן און צושטעלן אויף א צוזאג צו די געמיינדע."

**מאנהעטען בארא פרעזידענט Brad Hoylman-Sigal (ברעד האלימאן-סיגנאל) האט געזאגט,** "די היינטיגע באשטעטיגונג דורך די Public Authorities Control Board צייכנט אפ א וויכטיגע טריט פאראויס אין דערגרייכן די לאנג-ערווארטעטע ווידעראנטוויקלונג פון די געוועזענע Lincoln Correctional Facility ארט. איך דאנק די מיטגלידער פון די בארד און גאווערנער Hochul (האקול) פאר זייער אנגייענדע צוזאמארבעט אין פאראויסרוקן א דורכגעטראכטע פלאן וועלכע וועט טראנספארמירן א לאנג-ליידיגע ארט צו ביז 105 איינקונפט-באגרעניצטע היימאייגענטום געלעגענהייטן און נייע געמיינדע איינריכטונג ארט פאר הארלעם. אין א צייט ווען מאנהעטען שטייט אויס א ריכטיגע וואוינונג צוגענגליכקייט קריזיס, אזעלכע פראיעקטן צייגן ווי סטראטעגישע פובליק אינוועסטירונג - באלד 100 מיליאן דאלאר אין די פאל - קען העלפן פארברייטערן צוטריט צו סטאבילע וואוינונג ווען פארשטערקערנדיג די ארומיגע געגענטער. איך קוק ארויס ווייטער צו ארבעטן מיט אונזער סטעיט מיטארבעטער צו פארזיכערן די דיוועלאפמענט שטעלט צו נאכהאלטיגע בענעפיטן פאר די הארלעם געמיינדע."

**אסעמבלימעמבער Eddie Gibbs (עדי גיבס) האט געזאגט,** "די היינטיגע PACB באשטעטיגונג פון די Lincoln Correctional Facility ווידעראנטוויקלונג ווייזט די מאכט פון פאלק. אפאר חדשים צוריק, איז נישט געווען קיין איין איינהייט פאראנען פאר מענטשן וועלכע פארדינען אינטער 80% פון די AMI. יעצט, 30% פון איינהייטן זענען אוועקגעלייגט פאר 40 פראצענט און 60 פראצענט AMI געבענדיג מזרח

הארלעמער א ריכטיגע גלײַכגעוויכטיגקייט צו קויפן פראפערטי גלייך נעבען צענטראל פארק. א דאנק צו אלע געמיינדע מיטגלידער וועלכע האבן זיך באטייליגט ביי פרעסע קאנפערענסן, געמאכט קאללס און זיך באוויזן ביי פובליק היערינגס צו מאכן אייער שטימע ווערן געהערט. די געווינס איז פאר די געמיינדע און דורך די געמיינדע, און איך בין שטאלץ צו זיין אייער ערוויילטע פארשטייער אין די קאמף."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד Yusef Salaam (יוסעף סאלעם) האט געזאגט,** "די היינטיגע באשטעטיגונג דורך די Public Authorities Control Board צייכנט אפ א וויכטיגע מיילשטיין פאר די צוקונפט פון די Lincoln Correctional Facility ארט און פאר די גאנצע הארלעם געמיינדע. פאר פול צו לאנג, איז די פלאץ געזיצן ליידיג. מיט די שריט, נעמען אונז א גרויסע טריט פאראויס צו עס טראנספארמירן צו א וויבראנטע, 22-שטאק געמישטע באנוץ דיוועלאפמענט וועלכע וועט צושטעלן ביז 105 איינקונפט-באגרעניצטע היימאייגנטום איינהייטן און א נייע ערשטע-שטאק געמיינדע איינריכטונג ארט. די באלד 100 מיליאן אינוועסטירונג רעפריזענטירט נישט נאר שטיינער און צעמענט, נאר גלעגענהייט - פארברייטערן צוגענגליכע היימאייגנטומשאפט, פארשטערקערן לאקאלע אינסטיטוציעס און ברענגען באנייטע ענערגיע צו די געגענט."

די PACB אפשטימונג באשטעטיגט באלד 18.7 מיליאן דאלאר אין פובליק וואוינונג קאפיטאל פון ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע באנייונג היימאייגנטומשאפט באנייונג פראגראם. די פראיעקט וועט אויך באקומען ארום 36 מיליאן דאלאר פון די ניו יארק סיטי וואוינונג פרעזערווירונג און אנטוויקלונג אפענע טיר פראגראם, און 10 מיליאן דאלאר אין געלטער אלאקירט דורך די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור.

אין אנטווארט צו געמיינדע אינפוט וועלכע רופט פאר שטערקערע צוגענגליכקייט, די פריעקט טוט יעצט פארשטעלן א פארברייטערטע איינקונפט געמיש, מיט איינהייטן פארהאנען פאר הויזגעזונדער וועלכע פארדינען 40 צו 100 פראצענט פון געגענט דורכשניטליכע איינקונפט. באלד 30 פראצענט פון די איינהייטן וועלן דינען הויזגעזונדער וועלכע פארדינען צווישען 40 און 60 פראצענט פון AMI - פארזיכערענדיג אז מער הארלעם פאמיליעס, אריינגערעכנט נידריג-איינקונפט פאמיליעס, קענען האבן צוטריט צו די היימאייגענטום גלעגענהייט.

די ווידעראנטוויקלונג וועט ערזעצן די עקזיסטירענדע, ליידיגע, אכט-שטאק געוועזענע טורמע ביי 31-33 West 110th Street מיט א נייע 22-שטאק, ביז 160,000 גראס קוואדראט פוס געמישטע באנוץ געביידע דירעקט אקעגן איבער פון צענטראל פארק. די איינריכטונג האט זיך פערמענאנט פארמאכט אין 2019. די געביידע וועט אנטהאלטן ביז 105 איינקונפט-באגרעניצטע היימאייגענטום איינהייטן וועלכע ציילן פון איינס-ביז דריי-שלאפצימערן און ביז 7,626 גראס קוואדראט פוס פון ערשטע-שטאק געמיינדע איינריכטונגען ארט.

א מאיאריטעט מינאריטעט-אייגענטום ביזנעס ענטערפרייז אנטוויקלונג שטאב - Infinite Horizons, LLC, L+M Development Partners, LLC, Urbane Development Group, LTD, און Lemor Development Group, LLC איז געווארן [פארמעסטליך אויסגעוועלט](#) אין דעצעמבער 2023. די פראיעקט איז ערווארטעט צו אויפטרייבן ארום 370 אויפבוי-פארבינדעטע דשאבס און 39 פערמענאנטע דשאבס, מיט לאקאלע אויפנעמונג און MWBE קאנטראקט צילן.

ESD'ס בארד פון דירעקטארס האבן אויפגענומען אן אלגעמיינע פראיעקט פלאן פאר די פראיעקט אין דעצעמבער 2024 און עס באשטעטיגט אין מערץ 2025 נאכפאלגענדיג ענווייראמענטאלע איבערזיכט אינטער SEQRA. די פראיעקט איז ערווארטעט פארענדיגט צו ווערן און גענצליך אקופירט אין 2028.

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**

גאווערנאר Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער אפאָרדעבל און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. זייט די 2023 פינאנציעלע יאר, האט די גאווערנאר געארבעט צו פארמערן האוזינג סופליי דורך כמעט 4 ביליאן דאלאר אין געצילטע אינוועסטירונגען, א ברייטע האוזינג פלאן, איינפירן נייע באשיצונגען פאר רענטערס און היים אייגנטומער און פארזיכערט א 500 מיליאן דאלאר קאפיטאל פאנד צו אנטוויקלען ביז 15,000 נייע וואוינונגען אויף סטעיט אייגענטום.

אונטער גאווערנאר Hochul's (האקול) פירערשאפט, האט HCR געעפענט נייע פראגראמען וועלכע טוען פארשנעלערן די דעוועלאפמענט פון עפארדעבל און געמישטע-איינקונפט היימען — סיי פאר די וואס דינגען און סיי פאר די וואס קויפן. דאס רעכנט אריין די פרא-האוזינג קאמיוניטי ( Pro-Housing Community) פראגראם, וואס געבט פאר באשטעטיגטע לאקאליטעטן די אויסשליסליכע צוטריט צו ביז 750 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג צו נוצן וויאזוי זיי פארשטייען. ווי מען האלט יעצט, האבן מער ווי 400 קאמיוניטיס באקומען פראו-האויזינג באשטעטיגונג, אריינגערעכנט די סיטי פון ניו יארק.

די עקזעקיוטיוו בודשעט פאר די 2027 פינאנציעלע יאר טוט פארענדיגן די גאווערנאר'ס יעצטיגע פינעף-יעריגע, 25 ביליאן דאלאר האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער אנהאלטן 100,000 עפארדעבעל היימען איבער'ן סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר הייקלע באפעלקערונגען ווי אויך איבערפירן נאך 50,000 היימען צו עלעקטריק. מער פון 77,000 היימען זענען שוין געבויעט אדער פרעזערווירט געווארן ביז היינט. די עקזעקיוטיוו בודשעט האט אויך אינוועסטירט 250 מיליאן דאלאר צו פארשנעלערן די אויפבוי פון עפארדעבל האוזינג צו פארשנעלערן די אויפבוי פון נאך טויזענטע עפארדעבל היימען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן